NYC Health

# הונט און קאץ " קאפּע'ען"

אינעווייניגע אינסטאַטוציעס וואס שטעלן צו פלאץ פאר מענטשן און שטוב-חיות צו פארברענגען אינאיינעם - באקאנט אלץ הונט אדער קאץ "קאפע'ן" — האבן זיך געעפנט אין ניו יארק סיטי (NYC), אבער די נאמען "קאפע" קען צעמישן! הונט אדער קאץ "קאפע'ען" טוען נישט צוגרייטן אדער סערווירן עסן אדער טרינקען פאר מענטשן. דא קענט איר זען ווי אזוי די ביזנעסעס ארבעטן:

## פיזישע פלאץ און אויסשטעל

אויב א ביזנעס וואס ערלויבט שטוב-חיות איז גלייך נעבן א רעסטוראנט אדער אן אנדערע עסן סערוויס עסטאבלישמענט:

- די צוויי לאקאציעס מוזן זיין גענצליך אפגעטיילט דורך א וואנט פון די פלאר ביז  צום דאך אדער ווענט.
- יעדע לאקאציע מוז האבן זייער אייגענע גאס אריינגאנג און באזונדערע אדרעס.
- עס איז נישט ערלויבט צו האבן א טיר אדער אן אנדערן אויסוועג דירעקט פון די ביזנעס וואס ערלויבט שטוב-חיות צו די רעסטוראנט אדער אנדערע עסן סערוויס עסטאבלישמענט אָן קודם ארויסגיין אינדרויסן.

## איינגעשטעלטע

איינגעשטעלטע פון די ביזנעס וואס ערלויבן שטוב-חיות  קענען נישט האבן קיין ארבעט אויפגאבן וואס פארלאנגט פון זיי אריינצוגיין צו סיי וועלכע עסן עסטאבלישמענט.

## עסן אדער טרינקען

 אלע עסנווארג אדער געטראנק פאר מענטשאין א ביזנעס וואס ערלויבט שטוב-חיות קען נאר ווערן געברענגט דורך דעם קונה. עסן אדער טרינקען פאר מענטשישע פארניץ קען נישט ווערן דירעקט פארגעשלאגן, פארקויפט אדער סערווירט ביי א ביזנעס וואס ערלויבט שטוב-חיות.

## חיות און אינעווייניגע אדער דרויסנדיגע עסן

לעבעדיגע חיות, חוץ פון סערוויס חיות, זענען פארבאטן אין אלע אינעווייניגע און רוב דרויסנדיגע ערטער פון רעסטוראנטן און אנדערע עסן סערוויס עסטאבלישמענטס. רעסטוראנט און אנדערע עסן סערוויס עסטאבלישמענט אנפירער *קענען* ערלויבן הינט וואס זענען נישט קיין סערוויס חיות אין *דרויסנדיגע* עסן ערטער אזוי לאנג ווי די אנפירער קומען נאך די "דרויסנדיגע עסן מיט הינט" געזעץ און לייגן ארויף די פארלאנגטע שילד. צו טרעפן די שילד וואס פארלאנגט זיך פאר רעסטוראנטן און אנדערע עסן סערוויס עסטאבלישמענטס, באזוכט **nyc.gov/health** און זוכט אויף
**"Rules for Outdoor Dining With Dogs" (געזעצן פאר דרויסנדיגע עסן מיט הינט)**.

פאר מער אינפארמאציע איבער עסן מיט הונט, באזוכט **nyc.gov/health** און זוכט
**"Dining With Dogs in Restaurants" (עסן מיט הינט אין רעסטוראנטן)**.

## פראגעס?

פארן עפענען א ביזנעס וואו איר ערלויבט שטוב-חיות און איר ריכט זיך אז די קונים  וועלן עסן אדער טרינקען, רופט די אפיס פון עסן זיכערהייט ביי די NYC דעפארטמענט אוו העלט און גייסטישע היגיענע (העלט דעפארטמענט) אויף 212-676-1600 צו זיין זיכער אז אייער אויסשטעל טוט נישט פאקטיש זיין די אפטייטש פון א רעסטוראנט אדער אן אנדערע עסן סערוויס עסטאבלישמענט, וואו חיות זענען פארבאטן.

לויט אייער ביזנעס, וועט איר מעגליך אויך דארפן נאכקוקן די
**"requirements for pet shops or other animal related businesses" (פאדערונגען פאר חיות געשעפטן אדער אנדערע חיות-פארבינדענע ביזנעסעס**. פאר מער אינפארמאציע, רופט די העלט

דעפארטמענט'ס אפיס פון וועטערינארי פובליק העלט סערוויס אויף 646-364-1765, רופט **311** אדער באזוכט **nyc.gov/nycbusiness**.